בס"ד

# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. איינע פון די שווערסטע תקופות אין די היסטאריע פון כלל ישראל איז געווען די יארן אין וועלכע די אידן האבן געליטן אין רוסלאנד אינטער די רוסישע צארס, ימ"ש. אסאך אידישע קינדער זענען געכאפט געווארן און אריינגענומען אין די רוסישע ארמיי וואו זיי האבן געדארפט דינען 25 יאר. פארשטייט זיך אז אין די רוסישע ארמיי האבן די בחורים נישט געקענט האלטן קיין כשרות און שבת רח"ל. צו ביסלעך האבן רוב אויב נישט אלע פון די אידישע סאלדאטן, וואס מען האט גערופן "קאנטוניסטן", אראפגעגליטשט פון אידישן וועג, רח"ל. די פאלגענדע מעשה, וואס איז געשען בערך 125 יאר צוריק, איז איינע פון די מערסט מורא'דיגע מעשיות פון אלע טרויעריגע "קאנטוניסטן" מעשיות.

דער אינגער בחור'ל יעקב (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א פיינע בחור. ער האט פלייסיג געלערנט און ער האט געפאלגט זיין טאטע און מאמע. די משפחה האט געוואוינט אין א קליין שטעטל אין רוסלאנד. יעקב'ס עלטערן זענען נישט געווען קיינע רייכע מענטשן. אבער, זיי האבן זיך געמוטשעט צו דינגען א מלמד פאר זייער זון יעקב. איין טאג נאכמיטאג, א שטיק צייט נאך יעקב'ס בר מצווה, איז ער געווען אויפ'ן וועג אהיים. ווען יעקב איז שוין כמעט געווען אינדערהיים, זענען צוויי רוסישע סאלדאטן ארויסגעשפרינגען פון הינטער א בוים. זיי האבן געכאפט יעקב'ן און זיי האבן אים ארויפגעלעגט אין א גרויסע וואגן וואס עס איז שוין געווען פול מיט אנדערע אומגליקליכע בחורים. די רוסישע רשעים האבן געפירט די בחורים אויף א לאנגע וועג צו א ריזיגע ארמיי לאגער. די בחורים האבן פארשטאנען אז דאס האט געמיינט ווערן "קאנטוניסטן", ווייל דארט אין די לאגער האט מען זיי געצווינגען צו ווערן סאלדאטן אין די רוסישע ארמיי, רח"ל.

יעקב האט פרובירט צו היטן וואס מער אידישקייט. אבער ליידער איז עס געווען גאר שווער. ווייל כמעט אלע עסן איז געווען טריפה און זיי האבן געדארפט ארבייטן 7 טעג א וואך, אן קיין מנוחה. צו ביסלעך איז יעקב ליידער אינגאנצען אראפ פון אידישען וועג.

בערך דריי יאר שפעטער האט יעקב שוין כמעט אינגאנצען פארגעסן פון אידישקייט. ער איז געווארן פונקט אזוי ווי די גוי'אישע סאלדאטן מיט וועמען ער האט זיך גע'חבר'ט. איין נאכט, איז יעקב געגאנגען צו א קרעטשמע מיט זיינע רוסישע חברים. אזוי ווי עס איז די שטייגער ביי גוים, די רוסישע סאלדאטן האבן באשטעלט בראנפען און געטרונקען און באלד דערנאך זענען זיי אינגאנצען שיכור געווארן.

יעקב, אדער 'וולאדעמיר', אזוי ווי זיינע חברים האבן אים יעצט גערופן, האט אויך אסאך געטרונקען. ער האט געוואלט נאך מער טרינקען אבער ער האט נישט געהאט מער קיין געלט. ער איז געגאנגען צו דעם בעל הבית פון דעם קרעטשמע אים צו בעטן נאך צו טרינקען. דער בעל הקרעטשמע האט אים אנגעשריגן זאגענדיק "מען גיבט נישט קיין 'קרעדיט' פאר קיינעם דא, אויב דו האסט נישט קיין געלט באקומסט דו נישט קיין משקה!" יעקב איז געווארן אנטוישט. ער האט אבער שטארק געוואלט טרינקען נאך. באין ברירה האט ער ארויסגענומען זיין שווערד, און ער האט עס געלעגט אויפ'ן טישל. "נעם מיין שווערד אלס משכן," האט יעקב געזאגט פארן בעל הקרעטשמע. דער בעל הקרעטשמע האט מסכים געווען און ער האט טאקע געגעבן פאר יעקב נאך אביסל משקה.

אין די יארן וואס די מעשה האט פאסירט איז דער צאר פון רוסלאנד געווען "אלעקסאנדער", ימ"ש. דער צאר אלעקסאנדער פלעג אנטון די קליידער פון פשוטע מענטשן, און ארומגיין באהאלטענערהייט צו די קרעטשמעס כדי צו הערן וואס זיין פאלק רעדט וועגן אים. די נאכט, ווען יעקב האט איבערגעגעבן זיין שווערד פאר'ן בעל הקרעטשמע, איז דער רשע דער צאר אלעקסאנדער ימ"ש, געווען אין יענע קרעטשמע, זענדיק אלעס וואס האט פאסירט מיט יעקב און זיין שווערד. אין אלע ארמייען אין די וועלט איז שטארק פארבאטן פאר א סאלדאט אוועקצוגעבן זיין וואפן. ווייל א סאלדאט אן וואפן איז נישט קיין סאלדאט. דעמאלט אין די רוסישע ארמיי האט מען געגעבן טויט שטראף פאר איינעם וואס פארלירט אדער גיבט אוועק זיין שווערד. כאטש דער צאר האט געזען די גאנצע מעשה, דאך האט ער נישט געוואלט זיך אנטפלעקן פאר'ן עולם, ווייל ער איז דאך געווען אנגעטון מיט פשוטע קליידער.

דער נעקסטער טאג האט דער צאר מודיע געווען פאר דעם ג'ענעראל פון יעקב'ס לאגער, אז ער וויל מאכן א באזוך ביים ארמיי לאגער. דער ג'ענעראל און אלע אפיצערס זענען געווארן אומרוהיג, ווייל א יעדער האט געוואוסט אז דער צאר איז מקפיד אויף יעדער קלייניגקייט. דער צאר האט געגעבן די ג'ענעראל א פאר שעה כדי זיך צוגרייטן צו זיין גרויסן באזוך.

ווען יעקב האט געהערט די בשורה איז ער געווארן דערשראקן, ווייל ער האט דאך נישט געהאט קיין שום שווערד, איז ווי אזוי קען ער שטייען ביים מארטש פארן צאר? יעקב איז אבער געווען זייער א קליגער. ער האט גענומען א שטיקל האלץ מיט א ביסל פארב, און ער האט געמאכט א פאלשע שווערד. די האלצענע שווערד איז נישט געווען פונקטליך, אבער עס וועט זיין גענוג גוט ביים מארטש, ווען מען וועט קוקן פון דער ווייטענס. יעקב איז געלאפן צו דעם מארטש, ווייל דער צאר איז שוין כמעט אנגעקומען צום ארמיי לאגער.

באלד דערנאך איז יעקב געשטאנען צוזאמען מיט אלע אנדערע סאלדאטן מיט אלע אפיצערס מיט דעם ג'ענעראל, אויפ'ן גרויסן פלאץ אין דעם ארמיי לאגער. דער צאר איז ארומגעגאנגען קוקן אויף אלע סאלדאטן. ווען דער צאר איז געקומען צו דעם סאלדאט לעבן יעקב, האט ער זיך אפגעשטעלט. דער צאר האט אנגעהויבן צו מדקדק זיין אויף יעדע קנייטש און קנעפל אויף דעם סאלדאט לעבן יעקב. דער צאר איז געווארן אין כעס, און ער האט אנגעהויבן צו שרייען אויפ'ן סאלדאט זאגענדיק: "קוק ווי שמוציג דו ביסט! וועגן דעם ביסט דו נישט קיין סאלדאט פונעם צאר!!!" יענער סאלדאט און אלע אנדערע סאלדאטן האבן געציטערט פון פחד, ווייל דער צאר איז באקאנט געווען אלס איינער וואס קען הרג'נען סאלדאטן אויפ'ן ארט אפילו פאר א קלייניגקייט. דאן האט דער צאר געזאגט פאר יעקב "דער סאלדאט וויל נישט זיין אין מיין ארמיי, נעם ארויס דיין שווערד און האק אים אף זיין קאפ!" יעקב האט נישט געוואוסט וואס צו טון. נישט פאלגען דעם צאר איז נישט געווען דעם וועג. *המשך יבוא...*

יעקב האט געהאלטן ביים מקיים זיין דער מצווה פון דער וואכעדיגער סדרה "ונקדשתי בתוך בני ישראל..." (ויקרא כב,לב) דורך אלע דורות זענען געווען אידן וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען. מיר לעבן יעצט ב"ה אין א צייט און אין א מדינה וואס מען האט נישט קיין רדיפות פון דעם רעגירונג, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן. וועגן דעם האט מען נישט דעם נסיון פון מסירת נפש ממש אין די טעג.

אבער, רש"י הקדוש זאגט, "מה תלמוד לומר ונקדשתי, מסור עצמך וקדש שמי..." וואס קומט דער פסוק צו לערנען? א איד דארף זיך מוסר נפש זיין צו מקדש זיין שם שמים. ד"ה היינט, כאטש אפילו מען דארף נישט מוסר נפש זיין ממש, ב"ה, אבער מען דארף נאך אלס זיך איבערגעבן פארן באשעפער. ד"ה, מען דארף מבטל זיין די אייגענע רצונות, און נאר טון דעם רצון ה'.

דאס איז דער עיקר תפקיד פון א איד, צו זיין אן עבד ה' וואס טוט דעם רצון פון זיין הער. יעצט ווען מיר גרייטן זיך צו צו מקבל זיין עול התורה ביים הייליגן יום טוב פון שבועות, זאלן מיר זיך מכניע זיין צו טון דער אייבערשטענ'ס רצון און נישט אונזערס. דאן קענען מיר מקיים זיין די מצווה ווי רש"י הקדוש איז מסביר, "מסור עצמך וקדש שמי..." **גוט שבת אלע אידן.**